STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01332

SOVENIR ELFTE KONVENSHON IDISH SOTSYALISTISHE ARBEYTER PARTEY, POYLE TSIEN

Permanent preservation of this book was made possible
by The F. Weiler Charity Fund
in memory of
Jack D. Weiler

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סאוועניר

עלפטע קאנווענשאָן

אידיש סאציאליסטישע ארבייטער פארטיי

פועלי ציון

אבגעהאלטען אין פילאדעלפיא

דעצעמבער, 1918

פראפ. חיים פיינמאן

צו די דעלעגאטען

מיט גרויסע ערוואַרטונגען באַגעגענען אייך אייערע פילאַדעל־פיער חברים. זיי גלויבען דאַס זייערע הויכע האָפענונגען זיינען דער אויסדרוק פון די היילינגסטע געפיהלען פון אַלע חברים איבער'ן לאַנד און אויך פון אַ גרויסען טהייל פון דאַס אידישע אַרבייטערשאַפט וואָס האָט זיך נאָך ניט אַנגעשלאָסען אין אונזערע רייהען.

ניט מכח קליינע אָרגאַניזאַציאָנס פראַגען און ניט צוליעב אַנ־גענומען הויך־קלינגענדע רעזאָלוציעס פאַרזאַמעלט איהר זיך. אונ־זער עלפטע קאָנווענשאַן איז די ערשטע זינט דער ענגלישער דעקלאַראַ־ציע. און זינט דער ענגלישער דעקלאַראַציע איז די בויאונג פון אַ אידישער רעפּובליק אין ארץ ישראל פּלוצלונג געוואָרען אַ רעאַלע פראַגע. עס ווערט אויך ערוואַרטעט פון די פועלי ציון — די סאָ־ציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי און ציוניזם — אַז זי זאָל ניט נאָר אַננעהמען אַ רייהע פון רעזאָלוציעס וועגען די מעטהאָדען פון בויען דעם נייעם שטאַאַט אין ארץ ישראל און וועגען די רעכטע פון דעם אידישען פאָלק. זי מוז אויך אַנצייגען די דרכים ווי אַזוי די רע־זאָלוציעס קענען פאַרווירקליכט ווערען און מוז גלייך צוטרעטען צו די ערשטע גרויסע שריטע פון נאַציאָנאַלע קאָלאָניזאַציע אין גייסט פון אַרבייטער קלאַס. זי מוז אויך שאַפען אַזאַ אָרגאַניזאַציאָנס פאָרמע, וואָס זאָל מעגליך מאַכען, אַז די גאַנצע אידישע אַרבייטערשאַפט וועל־בע איז פאַראינטערעסירט אין בויען דעם נייעם שטאַאַט אין ארץ ישראל זאָלען קענען אַנטהייל נעהמען.

זאָל וואָס וויינינגער צייט פאַרנומען ווערען מיט קריטיקירען דעם עיקר. זאָל די קריטיק וואָס וועט שטאַטפינדען זיין אַ בויענדע, ניט אויסעסען זיך און יענעם דאָס האַרץ איבער פאַרגאַנגענע טעות'ן.

נור בלויז אויפקלעהרען אום צו פערמיידען טעות'ן אין דער צוקונפט, דארף זיין דער ציעל פון חברש'ען קריטיק.

גרויסע, ליכטיגע האריזאנטען עפענען זיך אויף פאר דעם אידי־שען פאלק. דאס נייע לעבען פאדערט נייע גרויסע טהאטען פון די אידישע ארבייטער. זאלען חברים פארגעסען, אז אמאהל זיינען מיר געווען א קליינע פארטיי. זאלען אונזערע מעשים זיך פארמעסטען ניט מיט די קליינע טהאטען פון דער פארגאנגענהייט נור מיט די גרויסע ארבייטען וואס זיינען פאר אונז. זאל מען ניט מורא האבען צו וואגען וואס מעהר און מעהר !

אין קדושה איז דער פועלי־ציוניזם געבארען געווארען אין באל־טימאר. זאל די זעלבע קדושה וואס האט דאמאלס געהערשט במחשבה אויך יעצט הערשען אין פילאדעלפיא ווען מיר האלטען ביי מעשים — ביי אנפאנגען די ארבייט פון בויען די אידישע רעפובליק.

זאל אונזער קריטיק און אונזערע רעזאלוציאנען אין אונזער נייע ארבייט געשאפען ווערען אין דעם פייער און אין דעם ליכט פון דער קדושה פון אונזערע אידעאלען.

ברוכים הבאים !

יהואש

משיח

אוי קינדערלעך ליעבע,
ס'וועט זיין אזוי שעהן,
משיח וועט קומען
אין גיכען צו - געהן . . .

די אויגען אזוי ווי
צוויי זונען ביי איהם,
א הויכער, א ווייסער,
און זילבער די שטים . . .

„וואס האט איהר מיר, קינדער,
צום אויפנעהם געגרייט?“ —
„משיח געטרייער,
מיר האבען געזייט . . .

„מיט איין האנט צום אקער,
און איין האנט צום שווערד,
די אויגען צום הימעל,
די פיס אויף דער ערד . . .“

„און ווער האט אייך, קינדער,
די בשורה געבראכט?“ —
„משיח געטרייער,
מיר האבען געוואכט . . .

„און שומרים געהאלטען
אויף איטליכען וועג:
משיח, משיח
דארף קומען די טעג . . .“

דר. ח. זשיטלאווסקי

עבר־ראמאנטיק און צוקונפט־ראמאנטיק

די ראמאנטיק בכלל איז א שטרעבען צו גרויס און צו ניי־באַשאפונג. דאס איז אלע מאהל א פראטעסט אנטקעגען דער קליינליכקייט, געוועהנליכקייט און שפּל'קייט אין די גרענעצען פון דעם היינט, א רייסען־זיך מיט אלע כחות פון זיינע פערשטויבטע דלת אמות.

אין רעוואלוציאנערע צייטען זיינען דאס די גרויסע אידעאלען פון דער צ ו ק ו נ פ ט, וואס באצויבערען דאס אויג פון דעם קעמפער און זוכער און ציהען צו צו זיך זיין שכל און זיין הארץ. אין דעם נייַנצענטען יאהר הונדערט זיינען די פארטרעטער פון דער רעוואלוציאנערער צוקונפט־ראמאנטיק געוועזען די בייראנס, די שעלליס, די פושקינס, די וויקטאר הוגא און זשארזש זאנד.

אין רעאקציאנערע צייטען איז דאס די רוהמרייכע, גרויסע פארגאנגענהייט פון א פאלק, וואס ציהט צו מאגנעטיש צו זיך דעם בליק פון יענע קינדער זיינע, וואס קאנען ניט פארטראגען די שטיקענדע לופט פון דער שפל'ער פארגאנגענהייט. דאס איז די ראמאנטיק פון א שאטאבריאן און א קסאוו'יע דע מעסטר אין פראנקרייך, פון א שעלינג אין דייטשלאנד, פון די סלאוואפילען אין רוסלאנד.

אונזער גרויסער אידעאל פון נאציאנאלער ווידערגעבורט איז געבארען געווארען אין די אכציגער יאהרען פון דעם פאריגען יאהר־הונדערט, וועןביידע קרעפטען, — סיי די רעאקציע, סיי די רעוואלוציע, — האבען זיך גענומען א מעסט טאהן, מיט די כחות, האבען אויפגעהויבען דעם גרויסען היסטארישען קאמף, וואס זיין לעצטער אקט שפיעלט זיך איצטער אב פאר אונזערע אויגען.

אויף אזא׳ן אופן איז אונזער ראמאנטיק, אונזער רייסען זיך צו גרויס און הויך פון דעם ענגען, שפל׳ען היינט, לכתחילה געשטאנען אונטער דער שליטה פון יענע צוויי גרונד־טענדענצען : דער פארהייליגונג און פארהיעלונג פון דעם אידישען עבר אויף איין זייט און דער בענקשאפט נאך א דורכאוים נייער, נאך קיינמאהל ניט געוועזענער צוקונפט, אויף דער אנדערער.

די צוויי טענדענצען קענען אבער נים פאראייניגט ווערען הארמאניש אין איינעם, בפרט ווען מען טרעט צו צו דער פ א ר וו י ר ק ל י כ ו נ ג פון אידעאלען. די פארווירקליכונג מוז דורכגעפיהרט ווערען אין לעבען דורך די גרויסע פאלקס־מאסען צוליעב די לעבענס־אינטערעסען פון די גרויסע פאלקס־מאסען. אין א קאנפליקט צווישען דער גלענצענדער פארגאנגענהייט און דער דורכאוים נייער, נאך ניט געוועזענער צוקונפט קומט די ג ע ג ע נ וו א ר ט מיט איהרע פאלקס־מאסען און איז מכריע די וואג־שאל צוליעב דער צ ו ק ו נ פ ט.

דערהויפט מוז דאס זיין דער פאל מיט דער ראמאנטיק פון דער אידישער נאציאנאלער ווידערבעלעבונג. ווי גרויס די אידישע פארגאנגענהייט זאל ניט זיין, ווי טראגיש שעהן עס זאל ניט זיין יעדער פעריאד פון אונזער געשיכטליכען לעבען, איז אין איהם, אין דעם אידישען אמאל, נישטא קיין איין זאך, וואס זאל זיך לוינען ווידער אויפצולעבען, וואס זאל פארשטארקען דעם לעבענס־שטראם און דעם צוקונפטס־קאמף פון די מאסען.

אחוץ, פארשטעהט זיך, דעם הוילען פאקט פון נאציאנאלער ווידער־באלעבונג, פון נאציאנאלער פרייהייט און זעלבסט שטענדיגקייט אין אונזער אייגענעם לאנד. אפילו די אידעאלען פון אונזערע נביאים, — דאס גרעסטע און שעהנסטע, וואס אונזער פאלק האט ארויסגעבראכט, — קאנען ניט ווערען דער בארוישענדער לאזונג פאר די נייע באשאפונגען אין דער צוקונפט.

אין זייער היסטארישער באגרעניצקייט, זיינען די נביאים׳שע אידעאלען אנגעזאפט מיט דעם געדאנק פון א גאט־געזאלבטען מלך

המשיח און מיט דער קליינבירגערליכער אידיליע פון „איש תחת גפנו ואיש תחת תאינתו". און אין זייער וועלט־אומוואַרפענדיג קערן זיינען זיי שוין לאַנג אַריינגעאַרבייט געוואָרן אין די שטרעבונגען פון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם, וואָס שטעלט זיך אויף זייער אָרט.

דער קאָנפליקט צווישען אונזער עבר — דעם רוף פון די אבות, און אונזער צוקונפטס־ראָמאַנטיק — דער רוף פון די קומענדע דורות, — מוז זיך איצטער ענדיגען מיט א טריאומף פון דער צוקונפטס־ראָמאַנטיק אויך דערפאַר, ווייל דער קאָנפליקט צווישען רעאַקציע און רעוואָלוציע ענדיגט זיך איצט אומעטום מיט א גלענצענדען טריאומף פון דער רעוואָלוציע. אונטער די שטראַהלען פון דער נייער זון, וואָס געהט אויף פאַר אלע פעלקער, ווערען פאַרבלאַסען און פאַרשווינדען אלע די פרעכטיגע שטערן פון דעם עבר־ראָמאַנטישען נאַכט - הימעל.

עס וועט פאַרשטומען דער וועה־מוטיגער רוף פון די אבות און עס וועט הילכיג קלינגען דער פריידיגער רוף פון די קומענדע דורות צו א נייעם לעבען און שאַפען אין א פרייען זעלבסט־שטענדיגען לאַנד, מיט א נייעם לעבענס־אינהאַלט, אין אונזער נ י י ע ר אידישער שפּראַך, וואָס קנאָספּט איצטער פאַר אונזערע אויגען, וואָס וועט זיך אבער פאַנאַנדערבליהען אין פאַנאַנדערוואַקסען אין דער צ ו ק ו נ פ ט.

א. וואהלינער

קום, חבר מיינער

קום, חבר מיינער, און לאמיר אינאיינעם געהן דעם שווערען, לאנגען, אבער האפנונגספולען וועג!

אין שווערע ליידען ווערט א נייע וועלט געבוירען, א ניי ליכט האט זיך באוויעזען און א נייע פרייהייט איז אויפגעגאנגען. און מיר האבען געליטען גלייך מיט אלע. און אונזער פרייהייט קומט אינאיינעם מיט זייערער. נאר זיי זיינען שוין בשלום איבערגעגאנגען די חבלי לידה, אונזערע הויבען זיך ערשט אן. זייער דארנדיגער וועג איז צו ענד און זיי זיינען שוין ביים ציעל. אונזער וועג, און א שווערער וועג, הויבט זיך ערשט אן. און אונזער ציעל דארף ערשט דערגרייכט ווערען.

אבער דיין האנד, מיין חבר, און מוטהיג אנטקעגען אונזער פרייהייט.

פאלשע פריינד און פייגע פיינד זאגען אונז:

„אונזער לאנד — א וויסטעניש. אונזערע שכנים — ווילדע און האלב־ווילדע. א דיפלאמאטישער צוזאג, וואס קען אמאהל האבען דעם ווערטה פון אלע דיפלאמאטישע צוזאגען. אונזער פאלק מיט אטראפירטע געפיהלען. אונזערע ארבייטער — פארזונקען אין מאגען־אינטערעסען. אונזערע כחות צושפאלטען. אונזער גלות־זון — אזא ליכטיגע אין די מייסטע מלחמה־לענדער און די זון מאכט אונז שוואך און פויל.

חבר מיינער, גיב מיר דיין האנד!

געדענקסטו, ווי פינסטער עס איז געוועזן ניט לאנג צוריק? און געדענקסטו, ווי די פינסטערניש האט אונז געשטיקט און נים געקענט

דערשטיקען ? און דערמאהנסטו זיך, ווי עלענד און איינזאם מיר זיינען אפט געווען ? און קענסטו זיך אויך דערמאהנען, ווי מיר זיינען געווארען אלץ שטאלצער און פאר'עקשנ'טער, וואס איינזאמער מיר זיינען געווען, וואס געפאלענער עס האט אויסגעזעהען אונזער פאלק און וואס ווייטער — דער ציעל ? געדענקסטו עס ?

און איצט איז א פאלק, א גאנץ פאלק אויפגעשטאנען תחית המתים. און אלע חלומ'ען אונזער חלום. און אלע שטרעבען אונזערע שטרעבונגען. און אלע גלויבען גלייך מיט אונז. און אלע זיינען שטאלץ און פאר'עקשנ'ט. און אלע, אלע קוקען אהן מורא אויף דעם לאנגען, דארנדיגען וועג, וואס איז דאך קירצער און גרינגער ווי ערשט ניט לאנג צוריק, ווי העמאלט, ווען איך און דו, חבר מיינער, זיינען פאראיינזאמטע געשטאנען, פון אלעמען פאר־לאכט, פון קיינעם ניט ערמוטיגט.

טא קום, חבר מיינער ! קום פרעהליך און מונטער ! קום מיט טאפעלטע כחות ! קום אין דער זיכערהייט, אז מיר וועלען זיע־גען, אז מיר וועלען ניט פאלען אויפ'ן וועג, אז מיר וועלען האבען גענוג כח צו דערגרייכען אונזער ציעל און צופאלען מיט אונזערע ברע־נענדע ליפען צו דער פרייער ערד פון דעם פרייען אידישען פאלק. ק ו ם !

קום, חבר מיינער, און לאמיר באגעגענען דאס פאגראם־מע־סער פון דעם פאליאק, דעם צופלאמטען שאוויניזם פון דעם אוקרא־אינער, דעם אידען־האס פון דעם פארהונגערטען רוס, דעם פאר־שארפטען אנטיסעמיטיזם ביים דייטש און דעם „פרעמדען"־האס אין אמעריקא.

ביטער וועט זיין דער קאמף, חבר מיינער ! טייכען בלוט וועט אונז קאסטען אונזער זיעג. בערג מיט קרבנות וועלען מיר אוועקלעגען אויפ'ן מזבח פון אונזער נאציאנאלער פרייהייט אין אלע לענדער. אבער שרעקסטו זיך, חבר מיינער ? דו, וואס האסט זיך ניט געשראקען פאר פאגראמען, בעת דו האסט געקענט האפען בלויז אויף דעם עלענדען רעכט צו לעבען ? דו, וואס האסט גע־

האט דעם מוטה זיך צו פארטהיידיגען און באשטעהן אויף דיין רעכט, ווען דאס דאזיגע רעכט איז בעשטאנען העכסטענס אין דעם בירגער-רעכט ? דו וועסט ניט האבען דעם מוטה צו קעמפען, ליידען און זיעגען, ווען דיין ניי רעכט וועט זיין דאס רעכט צו זיין א פאלק צווישען פעלקער ניט נאר אין דיין לאנד, נאר אין אלע, אלע לענדער?

חבר מיינער ! עס איז א שווערער קאמף. אבער ווען האַבען מיר דען ניט געקעמפט ? און טאפעלט מוטהיג וועלען מיר קעמפען, ווען עס האנדעלט זיך איצט וועגען א ווייטערען, וועגען א גרעסערען ציעל, און טאפעלט זיכער זיינען מיר מיט א זיעג, אה, חבר מיינער !

קום, חבר מיינער, און לאמיר בויען די נייע וועלט — די וועלט פון פעלקער-פרייהייט, פון מענשען - פרייהייט און פון ארבייטער-פרייהייט. מיר האבען די וועלט שוין לאנג געבויט. מיר האבען זי אבער ביז איצט געבויט אין שקלאפעריי. מיר האבען זי געבויט אונטער די בייטשען פון אונזערע פייניגער און פארשקלאפער. מיר האבען זי געבויט אין דער פינסטער.

איצט אבער איז ליכטיג. איצט וועלען מיר זי בויען אינ-איינעם מיט אנדערע בעפרייטע. איצט וועלען מיר זי בויען ביי אונז אין דער היים. און אונזער ליכט וועט לייכטען פאר אנדערע, און אונזער לאנד וועט זיין א מוסטער פאר דער וועלט.

קום, חבר מיינער !

ה. רויזענבלאט

צוריק מיט די זיגער

געפיהרט האט איהר דעם לעצטען שטרייט
און איהר האט מיך פון גלות יאך באפרייט.
פון אייער רייה ארויסגעטראטען איז דער בראווער העלד,
דער מענש און גאט, וואס האט פאר מיר זיך איינגעשטעלט.

געקעמפפט האט ער מיט אדלער־שוואונג, מיט לייבען־מוט —
פארוואס־זשע זיינען מיינע הענט מיר איינגעריכט אין בלוט?
און אין מיין רעכטער האנד, ווי קומט די פורפור־שווערד?
און אויף די שטיוועל מיינע — פייכטע ליים פון פרעמדער ערד?
און אויסגעמאסטענער טאקט אין מיינע שוואכע גלות־טריט?
און אין מיין בוזעם טיעף — א וואונד, וואס ברענט און בריהט?

היינט וואו איז ער, וואס איז געשטאנען לעבען מיר?
מיין חבר מיט דעם אדלער־נאז, דער שווארץ־געקרויזטער גראנאדיר:
מיין חבר, וועלכער האט צו מיר מיין זיידענס שפראך גערעדט
און יעדער נאכט, מיט אויגען פייכט, מיר נאכגעזונגען מיין געבעט?
איז וואו איז ער אצינד? וואס איז מיט א י ה ם געשעהן?!
פו, ווארט. כ'דערמאן זיך אלץ. דאס איז אזוי געווען:

אין טויזענד פלאמען אויפגעפלאקערט האט די לעצטע שחיטה־שעה.
איך שטרעק מיין האנד נאך זיינער אויס און זוך — ניטא! —
פון ווייטענס ערגעץ אויף א ברעג פון פרייען, ברייטען ים,
דעם שונא'ס לעצטע שטאט פארגעהט אין ווילדען פלאם.
ווי פיילען שארפע שליידער איך די בליקען מיינע אין דעם בראנד
און זוך: — דורך טויזענד פייער־צונגען שטרעקט ער אויס צו מיר
זיין האנד

און אויפגעהויבען האב איך איבער זיך מיין בלוט באנעצטען שווערד!
און אנדערש האב איך איצט געזעהן און אנדערש איצט געהערט.
אין פלאטער־רויש פון פאהנען טויזענדע, אין הוזשעריי פון ווילדען
פלאם

געשריהען האט אן אויפגערייצטער ווילדער ים.
און אין די טונקעל־גרויע קנוילען רויך האב איך געזעהן ציהן
אין מחנות פינסטערע, א ווילדען שקלאפען־שטאם.
און פלוצלים וויקעלט זיך פון פייער־בראנד ארויס
א טונקעל־ברוינע מדבר, פריי און ברייט און גרויס.
און דאן — א זון־געהילטע, גרין באציהרטע פרייע ערד . . .

א טעמפעל, ליכטיג, שטאלץ . . . א קרוין . . . א שווערד . . .
און דאן, און דאן — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

באהאלטען אין די הייסע פלאקער־פאלדען קארטשען זיך פון פיין
און בושה פרויען קערפער ווייס ווי אנהויב־ווינטער שנעע.
און ראזע קינדער־גופים׳לעך צוריסענע אין צוויי.
און לאנגע גרויע זקנים־בערד, און גאלדיג־בלאנדע מיידעל האר
און ס׳קוקען דורך די פונקען קינדער אויגען, ווי די שטערען קלאהר...
און איבער אלעם קויקעלט זיך אין קנוילען פינסטערע דער שווארצער
רויך.
איך ציידל די קנוילען רויך: — צוויי טויזענד שווארצע גלות יאהר!

פון ווייטענס אויף דעם ווייסטען ברעג פון ברוינדגעפארבטען ים
פארגעהט דעם שונא׳ס לעצטע שטאט אין לעצטען פלאם.
און הילכיג קלאפט די פויק. און פריידיג יובעלט דער טרומפייט.
און איך — דער לעצטער אין טריאומפף־מארשרוט האס זיעגער־פאלק
באגלייט.

מ. קאטץ

צווישען חלומות און ווירקליכקייט.

(א ספור פון די לעגענדארע משיח־צייטען.)

מען ווייס ניט צי האבען דאס יידעס זייערע אייניקלעך הער־צעהלט, אדער אייניקלעך האבען דאס זייערע זיידעס דערצעהלט, נור הערצעהלט איז דאס געווארען צו יודעי חן. און די מעשה דערפון איז אזוי:

געווען איז עס אין א דור, וואס איז אהן שום ספק נאך ניט גע־ווען אויף דער הויכער מדרגה פון כולו זכאי, נור צי איז ער געזונקען געווען צו דער מדרגה פון כולו חיב, מכח דעם האבען די למודי הדור זיך שטארק מפלפל געווען. ויהי היום און א מורא'דיגער רעש האט צו־טרויסעלט די וועלט. אזא שטורעם, וואס האט בפועל ממש מרעיש עולמות געווען. עס האט אויסגעזעהן אזוי ווי די סאמע זיילען פון לעבען וואלטען ארויס פון זייער יסוד. אן אימת מות האט מענשען אנגעכאפט. און א חשך איז געווען ווי דער חשך של מצרים. איין מענש האט דעם אנדערן ניט דערקענט, א ברודער האט אויף זיין ברודער געטראטען, און איין פאלק האט דאס אנדערע פערשלינגען געוואלט.

און עס האט זיך אויפגעהויבען א ויצעקו, וואס האט געגרייכט ממש עד לב השמים. עופה'לעך האבען מיט פערשמאכטע ליפען זייערע מאמעס טויטע בריסט געזויגט, און טאטעס האבען אויף די קברים פון זייערע זיהן א פערדארט שטיקעל ברויט געזוכט אום דאס חיות צו דערהאלטען — דער מין האנוש האט זיך אין זיין אייגען בלוט מיט שרעקליכע קאנוואולסען געצאפעלט. און ווען ענדליך האט דער ערש־טער זונען־שטראהל זיך דורכגעריסען פון צווישען די וואלקענס, אויפ־געהענדיג ר ו י ט פון הינטער א ים פון בלוט און טהרערען, האט

איהר רויטער שיין בעלויכטען א וועלט פון חורבן און יסורים, וואס אזוינס איז נים געווען מיום היות אדם על האדמה, זינט דער מענש האט זיין אונגליקליכען שיקזאל אויף דער ערד דערזעהען.

דערזעהענדיג זייער אייגענעם חורבן און זייערע אייגענע יסורים, וואס האבען ארומגעכאפט די גאנצע ערד מסוף העולם ועד סופו, האט זיך צווישען מענשען ערשט אנגעהויבען א מהומה, א רעש, א געפילדער, א יללה. מענשען האבען א רעמונג געזוכט אין אנקלאגען איינער דעם צווייטען. און טייטלענדיג מיט די פינגער אייגע געגען די אנדערע ביז אויגען־אויסשטעכענים, האבען זיי זיך געגענזייטיג בעשולדיגט: „דאס ביסטו דער רוצח! דאס ביסטו דער קין! דאס ביסטו דער ברודער־מערדער!"

און פון מיטען פון דיעזער מורא'דיגער מהומה האט זיך אנגעהויבען הערען דייטליך דאס געשריי: משיח־צייטען! משיח־צייטען! דאס געשריי איז געווארען וואס ווייטער אלץ דייטליכער, אלץ הילכיגער: משיח־צייטען! משיח־צייטען! . . .

און משיח־צייטען זיינען דאס טאקע געווען, ווארום אלע סמנים אויפ'ן הימעל און אויף דער ערד האבען אנגעוויזען בולט, אז דאס זיינען די ימות המשיח, ווי עס שטעהט געשריבען אין די הייליגע ספרים.

און משיח־צייטען זיינען דאס טאקע געווען, ווארום עס האבען זיך אנגעהויבען צו אנטפלעקען די נ ס ת ר י ם פון יענע ל"ו צדיקים, וואס מכח זיי איז געזאגט געווארען, אז ווען נים זייער זכות וואלט די וועלט חס וחלילה קיין קיום נים האבען.

נור אזוי ווי די אנטפלעקטע זיינען דאך פאר זייער התגלות געווען נסתרים, ווי עס איז שוין דער גורל פון די ל"ו, האבען די ארעמע, הארעפאסנע מענשען, וואס האבען מקוצר רוח ומעבודה קשה די הייליגע ספרים נים געלערענט און האבען פון די מקובלים א קנאפע ידיעה געהאט, נעביך נים דערקענען געקאנט ווער פון די אנטפלעקטע זיינען טאקע פון די אמת'ע ל"ו, וואס אהן זיי קאן די וועלט קיין קיום נים האבען און ווער פארשטעלטע פון דער סטרא אחרא רחמנא לצלן. האט זיך אין מיטען פון דער גרויסער מהומה און אין איינעם מיט די בשורות פון משיח צייטען א שרעקליכע מחלקה אנגעהויבען, ווארום

עס איז דאך ידוע, אז דער כח פון דער סטרא אחרא באשטעהט אין דעם, וואס זי איז ביכולת אויסצוזעהען גאר אזוי ווי זי וואלט עס גע־ווען די סאמע סטרא דקדושא.

און די מחלקה האט זיך צופלאקערט ניט נור צווישען די מענ־שען, וואס האבען מקצר רוח ומעבודה קשה קיין היילינע ספרים ניט געלערענט, נור צווישען די ל"ו גופא, צווישען די סאמע נסתרים, וואס אהן זיי קאן די וועלט קיין קיום ניט האבען, האט זיך אויפגעהויבען א מלחמה פאר פערטייטשען די פסוקים פון די נביאים וועגען אחרית הימים. איינע האבען געטענה'ט, אז אחרית הימים מיינט טאקע דעם סאמע קץ־האחרון און אנדערע האבען געטענה'ט, אז אין מוקדם ומאוחר בתורה שיקט זיך נור אויף דרוש און ניט אויף מצות מעשיות. הכלל, מען האט אנגעהויבען אזוי סותר זיין איינער דעם אנדערען, אז מען האט שוין אנגעהויבען חושד זיין צי איז די גאנצע זאך ניט מעשי שטן רחמנא לצלן.

„אחרית הימים! ימי המשיח" — האט איין נסתר א קפדן געשריען — „און עס שטעהט בפירוש געשריעבען אין אונזערע היי־ליגע ספרים, אז ביום ההוא לא ישא גוי אל גוי חרב, וואס דער טייטש דערפון איז אז איין אומה טאר די אנדער אומה ניט שלאגען און דארום דארף דאס גאנצע געשלעג זיין בלויז אין דער איינענער אומה גופא".

„קץ האחרון!" — האט אן אנדערער פון די נסתרים גוזר גע־ווען — און מען מוז מקים זיין ווי אין פסוק שטעהט: לא ילמדו עוד מלחמה, קיין מלומדים אין תכסיסי מלחמה טאר מען מעהר ניט האבען, נור מען מוז זיך הרג'ענען אזוי, ניט געלערענטערהייט".

„אחרית הימים! קץ האחרון!" — האט א דריטער נסתר גע־גוואלטעוועט — „ושעשע יונק על חור פתן, וגר זאב עם כבש, וואס דאס מיינט אז מען זאל די קינדער לאזען שפיעלען זיך אויף די נארעס פון שלאנגען און וועלף זאלען זיך פיטערען אין איינעם מיט שעפ־סען!"

האבען די מאמעס אויפגעהויבען א יללה און מיט יאמערליכע קולות געשריען: סטייטש שלאנגען זיינען דאך ניט קיין טויבען! און זיי האבען פאר פערצווייפלונג חעם זינען פערלארען און די האר פון

קאפ זיך געריסען. און עס איז געווארען א חורבן צווישען די אנט־פלעקטע נסתרים גופא. זיי האבען אליין שוין צווישען זיך ניט דער־קענען געקאנט ווער פון זיי זיינען די אמת'ע און ווער זיינען פערכאפטע פון דער סטרא אחרא. און די יסורים זיינען געווארען אזעלכע, וואס מען קאן זיך גאר ניט משער זיין.

דער עיקר איז נאך געווען וואס די חכמי הקבלה פון יענעם דור האבען ניט געקאנט איינשטימען וועגען דער בחינה: איינע פון די מקובלים האבען אלץ אנגעוויזען אויף א צ י ל ו ת, אנדערע אויף י צ י ר ה, און נאך אנדערע אויף ע ש י ה, און אזוי ווי דאס רוב פון דעם המון האט א קנאפע ידיעה געהאט אין קבלה־ווער־טער האבען מאנכע א טעות געהאט און געמיינט אז א צ י ל ו ת איז גאר ע צ ל ו ת. און עצלות איז דאך א מידה מגונה. האט זיך אויפגעהויבען א געשריי אויסצומעקען לגמרי דעם עולם האצילות. און עס איז דערפון געווארען אזא פרוד הלבבות, וואס אזוינס איז נאך ניט געווען זינט דעם דור המבול, ווען איין מענש האט דעם אנדערנס לשון ניט פערשטאנען.

נור דאס האט נאך מעהר געוויזען, אז דאס זיינען טאקע די אמת'ע משיח־צייטען, ווארום אויף זיי איז געזאגט געווארען, אז ליכט און שאטען וועלען דאמאלס זיין בערבוביא, וואס דאס מיינט, אז די סטרא אחרא וועט זיך צומישען מיט דער סטרא דבקדושא און דער גאנצער דור וועט ליידען חבלי לידה.

און משיח־צייטען זיינען דאס באמת טאקע געווען, ווארום אין מיטען פון די חבלי לידה האט א לייכט געטאהן אין מזרח זייט די זונן און איהר ליכטיגער שטראהל האט בעלויכטען דעם שארית יעקב, וואס אויף איהם איז אזא נבואה געזאגט געווארען פון די עלטסטע צייטען אן.

אבער אויך דא האט די סטרא אחרא געוואלט גובר זיין, און דוקא צווישען די נסתרים; צווישען דיעזעלביגע ל"ו, וואס אהן זיי קאן די וועלט חלילה קיין קיום ניט האבען. מאנכע פון די ל"ו־ראווניקעס האבען פערביטען דעם אלטען נביא'ס קינדער און זיי האבען אויסגעטראכט א בלבול אויף שאר־ישוב אז דאס איז מהר־

שלל חש־בז, וואָס וויל גזלנ׳ן דעם חיל דמשק און דעם שלל־שמרון, איז דאָ אויך געוואָרען אַ שרעקליכער פּרוד־הלבבות. און די מענ־שען, וואָס האָבען מקצר רוח ומעבדה קשה די הייליגע ספרים נים געלערענט, האָבען נעביך אויך דאָ ניט געוואוסט, ווער פון די ל״ו פּערטייטשען ריכטיג די הייליגע פּסוקים. דער גאַנצער דור האָט אויסגעזעהען ווי אַ דור הפלגה רחמנא לצלן.

* * *

אַזוי איז די מעשה. נאָר מען וויים ניט צו האָבען דאָס זיי־דעם פאר זייערע אייניקלעך אדער די אייניקלעך פּאַר זייערע זיי־דעם דערצעהלט. די השערה איז, אַז ווען אייניקלעך וועלען דאָס פאר זייערע אייניקלעך דערצעהלען, וועט אפשר נים נור פּאַר יודעי חן נור פאר אַלעמען קלאָהר זיין דעמאָלט צו איז דאָס טאַקע געווען אַ דור פון כולו חיב, וואָס ווענגען דעם האָבען די למודי הדור זיך אַזוי שטאַרק מתוכח געווען.

ז. יהודה

אך, געוועזן צייטען!

ווי זאגט ערגיץ א רוסיש ווערטעל: אפילו די ליעבע זון וואַרימט אויך ניט אלעמען גלייך . . .

אַט וועט איהר זיך טייערע חברים דעלעגאטען פערזאמלען אין א צייט ווען די וואַרימע ליכטיגע זון הויבט זיך אן באווייזען אפילו אויף דעם אידישען, פארשווארצטען, טונקעלען הימעל; וועט איהר יובל'ען, וועט איהר זיך פרעהען און מיט נצחון בליקען אויף די אלטע פארגאנגענע צייטען, אויף די אלטע פארשוואונדענע יאהרען.

מיך פארדריסען יענע יאהרען, איך בענק נאך יענע צייטען!

אך, געוועזן זיינען טעג. ווי גוט און וואויל איז מיר דאן גע־ וועזן . . . מיין פראפאגאנדיסטישע נשמה האט זיך געקוויקט שוועבענ־ דיג איבער דעם טאל וואו עס רוהען די פארהארטעוועטע, פארטעמפטע, אפגעשטאנענע און גייסטיג־פארפיהרטע אידישע נשמות.

און טראכט איך וועגען דעם, אזוי שוועבען פאר מיינע אויגען דורך אלטע פארשוואונדענע בילדער, שטעהען אויף תחית המתים אין מיין זכרון, אויף אייביג פארלארענע סצענקעס: א מחנה אידישע אר־ בייטער, ווען מ'האט איינגעשמועסט אז פיינט האבען ארץ־ישראל איז א סאציאליסטישע מצוה, אז אידישע פרייהייט איז פארבאטען געווארען אויף דעם רעוואלוציאנערען בארג סיני! און איך אין מיטען זיי . . .

איך קוק אויף זייערע גלייכגילטיגע אפגעטעמפטע פנימער, און דער פראפאגאנדיסטישער פייער צופלאקערט זיך אין מיר, און שפריצט מיט פונקען:

„מיר זיינען קינדער פון א פאלק, מיר האבען אויך פאלקס אינטערעסען, מיר „מאגען", מיר מוזען קעמפפען פאר אונזער נאציא־ נאלער פרייהייט, אזוי ווי מיר שטרייטען פאר אונזער סאציאלער בא־ פרייאונג — דונער איך אראפ צו מיין עולם.

און אט האט זיך איינער פון דער מחנה מיט מוטה אנגענומען. מיר אנטקעגען געשטעלט זיך — געוועהנליך מיט א פזמון וואס האט זיך געקלעפט ווי אן ארבעס צום וואנט. דאן ערשט ברויזט אויף מיין אגיטאטארישע תאוה און איך הויב אן נאך שטארקער צו פייערן. און שטארקערע ווערטער שניידען זיך דורך א וועג צווישען די פשוט'ע, עהרליכע, הארעפאסנע אידען, ווען מ'האט אריינגענארט פאספאר־ טען פון „גענאסען לאנד" . . .

און באלד ווערט די לופט פון מיט „ניט פראלעטאריזאציע", „עקאנאמישע סטרוקטור", און אייגענע נאציאנאלעווירטשאפט, דער־גהעגטערונג פון דעם סאציאליזם, מעגליכקייטען פאר ארץ־ישראל! אראבער! און מיט א טיעף אינערליכער צופריעדענהייט, קוק איך ווי עס צאפלען זיך מיינע „קרבנות" וואס פאר א חורבן מיינע פיילען האבען דארט אנגעמאכט און ווי שוואכער עס ווערט דארט דער ווידערשטאנד, אין יענעמס לאגער, אין יענער מחנה . . .

און איצט!

א סאציאליסט „מעג" אויך פאר ארץ־ישראל זיין, זאל איך זאגען? — האבען עס שוין, הוסמאנס, טראעלסטרא, הערווע און אפילו... שלאזבערג, געזאגט; ארץ־ישראל איז גרייכבאר — זאל איך טענה'ן? — האבען עס שוין די אמת'ע בעלי־בתים איבער ארץ־ישראל דערקלעהרט; אידישע ארבייטער דארפען זיין פאראינטערעסירט אין דער אויפבויאונג פון דעם לאנד, זאל איך שרייען? — זאגען דען די ארבייטער אליין אז ניט?

ליגט מיין אגיטאטארישער גייסט פארשפארט אהן א שטאף ארבייט, אהן א ברעקעל באפרידיגונג. . .

אמת, עס איז דא ברוך השם איבער וואס צו האמפערען זיך, איבער וואס צו פלפול'ן און שארפען די מחות: אידיש — העברעאיש; גרויס קאלאניזאציע — קליין קאלאניזאציע; ציוניסטישער קאנגרעס, א. ד. ג. צווישען אייגענע מענשען. — א זאך פאר טעארעטיקער, פאר שפאלטער; פייערען קאן מען שוין ניט — א אייגענע מחנה . . .

זאגט אליין, זאל איך אפשר צופריעדענשטעלען מיין פראפאגאנדיסטישען גייסט — קאן איך אפשר שטילען מיין אגיטאטארישע ליידענשאפט, פייערענדיג אויף יענע „געבילדעטע" פון יענעם אלטען לאגער, וועלכע רייסען זיך אריין אין סאמע מיטען ווען אונזערע האמפערען זיך, ווי אזוי מ'זאל בויען, ווי זאל עס איינגעארדענט ווערען, און גיבען זיך אזאג: און מיר פארשטעהען ניט ווי אזוי קאן מען גאר באקומען ארץ־ישראל? . . .

דאס דערמאהנט דאך ניט מעהר ווי די בעקאנטע מעשה מיט יענעם עם־הארץ, וועלכער איינהערענדיג זיך ווי צוויי לומדים האמפערען זיך מיטען טיעפען ערענסט וועגען א שווער שטיקעל גמרא, גיט ער זיך א זאג אזוי קאלט, בנעימות'דיג מעשה „למדן": מיר איז קשה אנ'אנדער זאך: ווי קאן מען עס גאר לייענען אז עס איז אהן קמצ'לאך? . . .

זאל איך מיט די „לומדים" דיסקוטירען? דער ציוניזם ווערט פארווירקליכט, דער ציוניזם־סאציאליזם פייערט זיין נצחון אויף דער אויפגעוואכטער אידישער גאס· און מיין פראפאגאנדיסטישע נשמה, בלייבט עלענד, פארלאזען, מיין אגיטאטארישער פייער האט ניט ביי וואס צו ברענען, האט פארלארען זיין נוצליכקייט, געענדיגט איז זיין מיסיאן, אין די נייע, אין די פרעהליכע טעג . . .

אך, געוועזן צייטען! . . .

א לעגיאנער

בעגריסונג

ערגעץ אין מצרים מיט'ן 40־טען באטאליאן ר. פ., אידישער לעגיאן.

אקטאבער 17־טען, 1918.

ליעבע חברים דעלעגאטען !

איך האב דיעזע וואך אויסגעפונען דורכ'ן „קעמפפער", אז אונזער פארטיי קאנווענשאן וועט אבגעהאלטען ווערען פון דעם 12־טען ביז דעם 17־טען דעצעמבער אין פילאדעלפיא. איך בין דאך אמאל געווען א פילאדעלפיער חבר, האב איך זיך פאר א מאמענט פארגעסען, אז איך בין אין לעגיאן און עס האט זיך מיר אויסגעדאכט, אז איך בין גאר אין פילאדעלפיא פארנומען מיט פערשיעדענע קאנווענשאן מלאכות, און פאר א מאמענט האב איך אייך מקנא געווען. עס האט זיך מיר געוואלט אי זיין אין לעגיאן, אי ארבייטען מיט אייך אין אמעריקא. איהר קומט זיך דאך צוזאמען ניט בלויז אבצוגעבען דין וחשבון פון פארגאנגענע ארבייט, נור אויך בעשליסען וואס צו טאהן ווייטער און איהר האט דאך אזוי פיעל גרויסעם און שעהנעם דורכצופיהרען.

דאס גאנצע אידישע פאלק מוז ארגאניזירט ווערען אנטהייל צו נעהמען אין דער בעפרייאונגס ארבייט, און די אידישע ארבייטער בפרט מוזען ארגאניזירט ווערען צו פארנעהמען די נויטהיגע פאזיציעס, וועלכע וועלען פארזיכערען א ליכטיגען צוקונפט פאר א זעלבסט־שטענדיגען אידישען פאלק. אייער ארבייט און אונזער ארבייט, דאס איז דאך איינס און דאס זעלבע. זייט אלזא, פארזיכטיג מיט צו פאסען אזוינע רעזאלוציעס וועלכע וועלען אריינברינגען צו־שפליטערונג פון כוחות, און ארגאניזירט די אידישע ארבייטער פאר ארץ ישראל. איך שיק אייך מיין ברכה פון טיעפען הארצען.

אייער חבר וועלכער געפינט זיך אויפ'ן שוועל פון ארץ ישראל.

טאגעסארדנונג

עלפטע פועלי - ציון קאנווענשאן

אפגעהאלטען אין פילאדעלפיע 24טען — 29טען דעצעמבער

1־טע זיצונג

דינסטאג אבענד 24טען דעצעמבער

1) ערעפענונג

א) ערעפענונג רעדע — חבר ב. צוקערמאן

ב) בעגריסונגען

ג) בעריכט פון צ. ק.

ד) רעדע פון חבר י. ענטין

ה) וואהלען פון א קרעדענשיל קאמיטע

2־טע זיצונג

מיטוואך פריה, 25טען דעצעמבער

2) בעריכט פון קרעדענשיל קאמיטע

3) וואהלען פון פערשיעדענע קאמיטעס

4) דיסקוסיאן איבער דעם בעריכט פון צ. ק.

3־טע זיצונג

מיטוואך נאכמיטאג

שלוס פון דער דיסקוסיע איבער'ן בעריכט פון צ. ק.

5) בעריכט פון פאלעסטינא קאמיטעס

(דיסקוסיאן)

4־טע זיצונג

מיטוואך אבענד

6) ארץ ישראל און אונזערע פאדערונגען

רעפעראט פון דר. ח. זשיטלאווסקי.

7) ארץ ישראל טהעטיגקייט:

א) קאאפעראטיווע קאלאניזאציאנס גרופען

ב) אינדוסטריעלע ארמיי

ג) קאארפעראטיווער פינאנס אינסטיטוט

רעפעראט פון י. קויפמאן

8) ארבייטער קאנגרעס פאר ארץ ישראל

רעפעראט פון ב. צוקערמאן

5־טע זיצונג

דאנערשטאג אין דער פריה 26טען דעצעמבער

9) טעגליכע צייטונג

10) אידישער קעמפפער

א) בעריכט פון דער רעדאקציע

ב) בעריכט פון פערוואלטונג

11) יוגענדליכע פועלי־ציון בעוועגונג

א) בעריכט פון יוגענדליכען קאמיטעט

ב) וייטערע טהעטיגקייט.

6־טע זיצונג

דאנערשטאג נאכמיטאג

12) אונזער נאציאנאל פאליטישע טאקטיק

א) לאקאלער און אלוועלטליכער אידישער קאנגרעס.

ב) לאקאלער און אלוועלטליכער אידישער ארב. קאנגרעס.

ג) אלוועלטליכער ציוניסטישער קאנגרעס

ד) אונזער שטעלונג צו דער ציוניס. ארגאנ. אין אמעריקא

רעפעראט פון מ. בראון

13) די שפראכען פראגע.

7־טע זיצונג

דאנערשטאג אבענד.

14) ארגאניזאציאנס פראגען

א) פארטיי פערוואלטונג

ב) פינאנסען און פאנדען

ג) דיסטריקט קאמיטעטען

15) נאמען פון דער פארטיי.

8־טע זיצונג

פרייטאג פריה 27־טען דעצעמבער

16) זיצונג פון די יוגענדליכע פועלי־ציון דעלעגאטען.

9־טע זיצונג

פרייטאג נאכמיטאג

17) ערציהונגס ארבייט

רעפעראט פון י. ענטין

18) פאליטישע און טרייד יוניאניסטישע ארבייט.

א) די פאליטישע טהעטיגקייט

ב) טרייד יוניאן ארבייט

רעפעראט מ. בודיש

19) אלוועלטליכער פועלי־ציון פערבאנד

בעריכט פון ה. עהרענרייך.

פרייטאג אבענד מאסענפערזאמלונג.

10־טע זיצונג

שבת פריה 28־טען דעצעמבער

20) פארטיי פערלאג

21) אגיטאציע און פראפאגאנדא

22) נאציאנאלע און ארבייטער אינסטיטוציעס אין ארץ ישראל

א) פאלעסטינא ארבייטער פאנד

ב) נאציאנאל פאנד

ג) קאלאניאל באנק

רעפעראט פון פראפ. ח. פיינמאן

11־טע זיצונג

שבת נאכמיטאג

23) קאאפעראטיווע אונטערנעמונגען

רעפעראט פון דר. נ. סירקין

24) רעליעף ארבייט

רעפעראט פון ב. צוקערמאן

25) אידישער לעגיאן און „דרויטער" מגן דוד

שבת אבענד, באנקעט

12־טע זיצונג

זונטאג פריה 29טען דעצעמבער

26) אינטערנאציאנאלער סאציאליסטישער קאנגרעס

27) בעריכט פון דער רעזאלוציאנס קאמיטע

13־טע זיצונג

זונטאג נאכמיטאג

28) וואהלען

14־טע זיצונג

זונטאג אבענד

שלום

בעריכטען פון פעראיינען

סינסינעטי

דער פועלי ציון פעראיין פון סינסינעטי זייט דער לעצטער קאנווענשאן אין באסטאן האט דורכגעלעבט די קריטישסטע צייט פון זיין עקזיסטענץ.

קליין אין דער צאהל פון מיטגליעדער, אין א פארוואַרפענעם ווינקעל פון לאנד, אין א שטאט וואו עס הערשט דער שטארקסטער אסימילאטארישער גייסט איז אונז ניט גאנץ לייכט געוועזען דורכ־צוברעכען און שאפען א פלאץ פאר עקזיסטענץ.

אבער דאך ניט קוקענדיג אויף די אלע שוועריגקייטען זיינען דורך אונזער איניציאטיווע ארבייט פאראינטערעסירט געוואָרען 72 אידישע ארגאניזאציאנען אין דער קאנגרעס בעוועגונג און אונזערע חברים זיינען געוועזען די ווארט פיהרער פון אלע קאמיטעטען.

אונזערע חברות נעהמען א גרויסען אנטייל אין דער טרייד יוניאן בעוועגונג און אונזערע א חברה ב. קינזבורג איז די פארזי־צענדערין פון דער דזשאינט באָרד פון די קלאוק מייקער יוניאנס. חברות פערנעהמען פערשיעדענע עמטער ווי פרעזידענטען און סעק־רעטערע פון פערשיעדענע יוניאן לאקאלס. אויך א דאנק אונזערע חברות זיינען אלע יוניאנס געווען פערטראטען צום קאנפערענץ פאר דעם אידישען ארבייטער קאנגרעס.

אונזערע חברים זיינען אויך געוועזען טהעטיג אויף דעם קאָא־פעראטיווען געביט; אונזערע חברים האבען גענומען א גרויסען אנטייל אין דער גרינדונג פון א קאאפעראטיווע גראָסערי סטאר וועלכע איז א גרויסער ערפאלג.

אונזערע חברים האבען זיך ווארעם אבגערופען אויף דעם פערציג טויזענד דאלאר פאנד, און דער מאסמיטינג וואס מיר האבען דורכגעפיהרט פיר דיעזען פאנד איז געוועזען מאראליש און פינאנ־

ציעל דער ערפאלגרייכסטער מאסען פערזאמלונג אין דער געשיכטע פון דער פערמענענטער אידישער ארבייטערשאפט.

א בעדייטענדע צאהל פון אונזערע חברים האבען זיך אנגעשלאסען אן דעם אידישען לעגיאן און א גרויסע צאהל פון אונזערע חברים זיינען גרייט אבצופאהרען אין ארץ ישראל צו דער ערשטער מעגליכקייט.

פאר'ן פאלעסטינא ארבייטער פאנד האבען מיר פאר דער צייט געזאמעלט די סומע פון פינף הונדערט (500) דאלאר, אויך א בעדייטענדע סומע פאר'ן נאצ. פאנד און אנדערע פאנדען.

א צווייטער פועלי ציון ברענטש וועלכער צעהלט יעצט 25 בעוואוסטזיניגע און איבערגעבענע חברות און חברים איז געשאפען געווארען דעם 25טען מארטש, 1918. דער נייער פעראיין ארבייט מיט בעגייסטערונג אויף אלע געביטען און גיבען זיך ספעציעל אפ מיט בילדונג און פאר דעם צוועק האבען זיי א קלאס פאר שטודירען אידישע געשיכטע און ליטעראטור אויף סאציאליסטישע און אלגעמיינע וויסענשאפט.

יוסף האלצמאן, אליעזער לעווין, סעק.

באלטימאר

„יהללוך זר ולא פיך . . .“ מיר וועלען אזוי זיך צופריעדענשטעלען בלויז מיט פערצייכנען דאס אונזער פעראיין האט אנגעפיהרט א לעבהאפטע נאציאנאל־סאציאליסטישע פראפאגאנדא צווישען די אידישע ארבייטער מאסען אין באלטימאר. א גרויסע צאהל פון אונזערע אקטיווסטע חברים זיינען אוועק אין דער אמעריקאנער ארמיי, און אין אידישען לעגיאן; זייער אבוועזענהייט פיהלט זיך זעהר שטארק, אונזער ארבייט האט דאס אבער ניט אבגעשטעלט. דורך די איניציאטיווע אקטיוויטעט פון אונזער פעראיין, איז באלטימאר געווען רעפרעזענטירט ביים „ארבייטער קאנגרעס“ מיט 4 דעלעגאטען, פערטרעטענדיג אריבער 12 טויזענד אידישע ארגאניזירטע ארבייטער. מיר האבען פיעל אויפגעטאן פיר'ן קעמפפער, פאלעסטינא ארבייטער פאנד, שקלים פערקויף, טעגליכע צייטונג, און פיעלע אנדערע לאקאלע אונטערנעהמונגען ווי „פיפעלס רעליעף“, סאציאליסטישער קאמפיין א. א. וו. איבעראל לאזען מיר הערען

און פיהלען דעם פרעסטידזש פון פועלי ציוניזם. מיר בעגריסען הערצ־ליך די דעלעגאטען צו דער 11־טער פועלי־ציון קאנווענשאן און מיר ווינשען אז אלע פערהאנדלונגען פון דיעזער קאנווענשאן זאלען אנ־געהן מיט חבר'שע איינינקייט און הארמאני, און פאר די בעסטע אינטערעסען פון אונזער פאלק בכלל און פון די אידישע ארבייטער בפרט. לאנג זאל לעבען אונזער אייגען לאנד, געבויט אויף די יסודות פון פרייהייט און דעמאקראטי!

א. בערלין, א. ד. גלושאקאוו, י. ש. בוגאש, בעריכט קאמיטע

מאנטרעאל

דעם 15טען יולי, איז אונזער פעראיין געווארען מר. מצוה. געגרינדעט האבען מיר זיך אין 1905 מיט 10 חברים, און יעצט צעהלען מיר 75 גוטשטעהענדע חברים פון וועלכע פיעלע זיינען גרייט ביי די ערשטע געלעגענהייט צו פאהרען נאך אונזער אייגען לאנד. 8 פון אונזערע חברים האבען זיך אנגעשלאסען אין אידישען לעגיאן: חברים צבי רייזלער, ב. חייטמאן, ל. חפץ, מ. קייזערמאן, מרדכי עפ־שטיין, מ. נעמטשיק, ל. ווייזער, ל. מיללער, ווי אויך נאך 3 חברים פון דעם פועל־ציון יוגענד קלוב. אונזער פעראיין האט געהאט דעם כבוד צו ארגאנזשירען דעם 5טען פועלי ציון קאנווענשאן וועלכער האט ארויסגעלאזט די לאזונג צו גרינדען נאציאנאלע ראדיקאלע שוהלען (די יעצטיגע פאלקס־שוהלען). מאנטרעאל איז געוועזן כמעט די ערש־טע צו אנפאנגען די ארבייט פיר די שוהלען, און ביי דער יעצ־טיגער צייט האבען מיר 2 פאלקס־שוהלען וועלכע ערציהען נאהענט צו 800 קינדער. אונזער פעראיין האט אויך געגרינדעט א ביבליאטעק וועלכער איז יעצט בעקאנט אלס „די אידישע פאלקס־ביבליאטעק" און איז דער קולטור צענטער פון אונזער שטאדט. אונזער אקטיוויטעט איז פילזייטיג: מיר ארבייטען פיר רעליעף — מיר זיינען אייגענטליך פון די ערשטע גרינדער פון פאלקס־פערבאנד רעליעף און יעצט נעה־מען מיר אנטהייל אין פיפעלס רעליעף; מיר זיינען שטארק פער־טראטען אין די היעגע טרייד יוניאנס (איינינע פון אונזערע חברים זיינען דארטען בעאמטע), און האבען פיעל געהאלפען אין צייט פון

-טרייקס; מיר זיינען אקטיוו אין קאנגרעס באוועגונג: מיר האָ-בען פארקויפט 300 שעהרס פאר אונזער טעגליכע צייטונג, און האָ-בען אקטיוו געארבייט פיר די זאמלונגען פון אונזערע פערשיעדענע פאנדען, מיר האבען פיר א צייט ארויסגעגעבען אין מאנטרעאל דעם פוע"צ בולעטין; מיר האבען זאגאר פארזוכט דעם טעם פון דורכ-מאכען א פאליטישען קאמפיין, ארויסשטעלענדיג איין איינענעם קאנדידאט אלס אלדערמאן. אונזער פעראיין ערווארטעט א סך פרישע אקטיוויטעטען וואס וועלען ארויסגערופען ווערען פון דעם 11טען קאנווענשאן.

פרענק ווייט, סעקרעטער.

באסטאן

פאר די לעצטע צוויי יאהר האט אונזער פעראיין אנגעפיהרט גרויסע ארביימען אויף א גרויסען שטייגער, מיר האבען דורכגעפיהרט גרויסע עפענטליכע מאסענפערזאמלונגען וועלכע האבען צו זיך קיין גלייכען אין די געשיכטע פון אונזער שטאדט, מיר האבען אויך דורכ-געפיהרט דעם ארבייטער רעפערענדום, און בייגעשטייערט בעדייטענדע סומען פאר די פארשיעדענע פאנדען און אינסטיטוציאנען פון אונזער פארטיי. דורך דעם פעראייניגונג מיט די סיט און דורך ספעציעלע פראפאגאנדא זיינען אריינגעטראטען אין פעראיין א בע-דייטענדע צאהל נייע חברים, דער אידישער לעגיאן און דער דרעפט האט פון אונז אוועקגענומען מאנכע פון אונזערע אקטיווסטע חברים, אבער די איבערגעבליבענע זעצען פאר די ארבייט מיט נייע קרעפ-טען. מיר צעהלען יעצט 62 גוטשטעהענדע מיטגלידער און די בע-אמטע זיינען: א. העמלין, טשערמאן; ל. טשעסלער, וויסע-טשער-מאן; א. שאהען, פינאנס סעק.; און מ. גלעוו רעק. סעק. אונזע-רע דעלעגאטען צום קאנווענשאן זיינען א. העמלין, און א. מאלדאוו. מיר ערווארטען אז דורך דיזען קאנווענשאן וועט אונזער פארטיי בע-טרעטען נייע און גרויסע וועגען וועלכע וועלען איהר מאכען פאר דער אידישער ארבייטער פארטיי — פאר דער פארטיי פון קאמפף און זיעג אין דער אידישער גאס.

ניו־ענגלאנד

אונזער דיסטריקט קאמיטעט קומט צו דער פילאדעלפיער קאנווענשאן אלס א פעסטע אינסטיטוציאן אין אונזער פארטיי לעבען וועלכע האט פאר זיך גרויסע פערדיענסטען און וועלכע איז בערייט אויף ווייטער טאן די ארבייט וואס עס וועט פאלען אויף איהר חלק.

פאר דער פערגאנגענער צייט זיינען אויסגעוואקסען פיעלע פעראיינען, וועלכע פערשפרייטען זיך ניט נור אין מאסס. סטייט, נאר אויך אין רהאד איילאנד, מעין און לעצטענס אין ניו־העמפשייר.

